אויף תיכף ארויסצוגעבן: 12/6/2024 גאווערנער קעטי האקול

**גאווערנאר האקול מעלדט דאס פארענדיגונג פון 21.1 מיליאן דאלאר פראיעקט איבערצובויען ADIRONDACK NORTHWAY בריקן אין ווארען קאונטי**

***נייע לענג איבער U.S. ראוט 9 אין טאון או לעיק דשעארדשע, בעיקר פינאנצירט דורך די ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור געזעץ, פארבעסערט זיכערהייט און שטאנדהאפטיגקייט לענגאויס וויכטיגע צפון-דרום פארבינדער***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן דאס פארענדיגונג פון א 21.1 מיליאן דאלאר פראיעקט וואס האט איבערגעבויט די צוויי בריקן וואס פירט די Adirondack Northway (אינטערסטעיט 87) איבער U.S. ראוט 9 אין ווארען קאונטי (Warren County), פארמערנדיג זיכערהייט און פארבעסערנדיג רייזעס לענגאויס די וויכטיגע היי-וועי וואס סערווירט די נארט קאונטרי און אדירנאדאקס. די פראיעקט האט איבערגעמאכט די פארעלטערטע צווילינג וועג, וועלכע איז געבויט געווארן אין די מיטל-1960ער, מיט א איינצלנע סטרוקטור וואס שטעלט צו פארבעסערטע טרעפיק פלוס און שטערקערע שטאנדהאפטיגקייט קעגן שווערע וועטערן. פלאצירט צווישן עקזיטס 22 און 23 אין די טאון או לעיק דשעארדשע (Town of Lake George), האט די סטרוקטור א געשאצטע לעבן פון 75 יאר, העלפנדיג צו פארזיכערן די ווייטערדיגע צוגענגליכקייט פון די וויכטיגע רייזע ראוט פאר דורות.

"דורך אינוועסטירן אין גאסן און בריקן העלפן מיר פארזיכערן די לאנג-טערמיניגע געזונט, לעבהאפטיגקייט און עקאנאמישע וואוילזיין פון אונזער גאנצע סטעיט," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די בריק איבערבויאונג פראיעקט לענגאויס די Adirondack Northway וועט צושטעלן פארבעסערטע רייזעס פאר די טויזנטער רייזנדער וואס נוצן די וויכטיגע הייוועי יעדן טאג און פארבעסערן די דויערהאפטיגקייט און שטאנדהאפטיגקייט פון איינס פון אונזער וויכטיגסטע וועגן פאר די פלוס פון סחורה און האנדל צו און פון די נארטק קאונטרי."

**סענאט מאיאריטעט פירער Charles Schumer (טשארלס שומער) האט געזאגט,** "די Adirondack Northway בריקן זענען וויכטיגע פארבינדערס אין ווארען קאונטי, ערלויבנדיג איינוואוינער און באזוכער אנצוקומען צו די הערליכע לעיק דשעארדשע ראיאן און צו דורכפירן אריבער-דעם-גרעניץ האנדל מיט קאנאדא. יעצט, א דאנק די באלד 19 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונגען פון די ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור & דשאבס געזעץ וואס איך געפירט דורכצופירן אין די סענאט, פארבעסערט די אינוועסטירונג אין נארט קאונטרי אינפראסטרוקטור זיכערהייט, שאפן דשאבס און האלטן אונזער עקאנאמיע געזונט. איך האב געקעמפט צו פארזיכערן אז פינאנצירונג פאר גאסן און בריקן זאלן אריינגערעכנט ווערן אין די ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור & דשאבס געזעץ, און איך בין דאנקבאר פאר גאווארנער Hochul'o (האקול) ארבעט צו פארזיכערן אז די פעדעראלע דאלארן העלפן די טויזנטער רייזנדער און פאסאזשירן וואס נוצן די הייוועי יעדן טאג."

**סענאטאר Kirsten Gillibrand (קירסטען גיליברענד) האט געזאגט,** "די בריק איבערבויאונג פראיעקט וועט פארבעסערן זיכערהייט, פארבעסערן די פלוס פון טרעפיק און פארמערן די דויערהאפטיגקייט פון א וויכטיגע טייל פון אינפראסטרוקטור אין אפסטעיט ניו יארק. איך בין שטאלץ צו האבן געקעמפט פאר די דורכפירונג פון די ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור געזעץ, וועלכע האט פינאנצירט דעם פראיעקט, און איך וועל ווייטער ארבעטן צו ברענגען פעדעראלע דאלארן צו ניו יארק פאר די פארבעסערונג פון אונזער אינפראסטרוקטור."

די טייל פון די נארטוועי צווישן לעיק דשעארדשע און ווארענסבורג (Warrensburg); און U.S. ראוט 9, זענען וויכטיגע דורכגענג פאר רייזעס צו און אין די נארט קאונטרי און די אדיראנדאקס. די נארטוועי איז אויך א וויכטיגע אינטערנאציאנאלע פארבינדונג מיט קאנאדא און סערווירט די אינטערסטעיט און ראיאנישע טרעפיק.

אנגעפאנגען אין 2022, האט די איבערבויאונג פראיעקט געבויט א 323-פיס-לאנג, צוויי-פאכיגע, שטאלענע מולטי-גירדער בריק מיט א מינימום הויכקייט פון 49 פיס און 6 אינטשעס העכער U.S. ראוט 9. די נייע בריק איז געבויט געווארן צווישן די צוויי אריגינעלע וועגן, וועלכע האט ערלויבט צוויי פון די דריי רייזע ליניעס צו ווערן אונטערגעהאלטן אין יעדע ריכטונג לענגאויס מערסטנס צייט פון דעם פראיעקט. די נייע בריק איז אויך געבויט געווארן נוצנדיג א צעמענט-קאנקרעט מיש וועלכע איז שטערקער און מער דויערהאפטיג ווי קאנקרעט אליין און ברענגט וויייניגער גרינהאוז עמישנס דורכאויס די פראדוצירונג פראצעדור.

ניינציג פראצענט פון די פינאנצירונג פאר די פראיעקט איז צוגעשטעלט געווארן דורך די ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דשאבס אקט.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע (Department of Transportation, DOT) קאמישאנער Marie Therese Dominguez (מערי טעריז דאמינגעז) האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט DOT מאכט ווייטער היסטארישע אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור וואס וועט האלטן אונזערע געמיינדעס פארבינדן און אונזער אינפראסטרוקטור מער שטאנדהאפטיג צו אונזער טוישנדע קלימאט. די נייע בריק לענגאויס די Adirondack Northway וועט פארלייכטערן רייזעס און העלפן פארזיכערן די לאנג-טערמיניגע דויערהאפטיגקייט פון א וויכטיגע פארבינדער וואס העלפט קרעפטיגן די עקאנאמישע מאטארן פון די קאפיטאל ראיאן, די נארט קאונטרי און אלע ערטער אינצווישן."

**סטעיט סענאטאר Dan Stec (דאן סטעק) האט געזאגט,** "פארענדיגונג פון די איבערבויאונג פון די צוויי בריקן וואס פירן די נארטוועי איבער ראוט 9 איז צופרידנשטעלנדע נייעס. די נויטיגע איבערבויאונג וועט פארבעסערן צוטריט און זיכערהייט פאר רייזנדער פאר דורות, און פארזיכערן אז אונזער ראיאן בלייבט א וויכטיגע עקאנאמישע האב און רייזע קארידאר."

**אסעמבלימעמבער Matthew Simpson(מעטיו סימפסאן) האט געזאגט,** "די איבערבויאונג פון די צוויי בריקן וואס פירן די Adirondack Northway, פארבינדנדיג לעיק דשעארדשע צו ווארענסבורג און דינענדיג אלס א ריכטיגע געיטוועי צו די קאמיוניטיס אין די ארדיראנדאק פארק, איז א שטארקע סיבה צו פייערן. די סטעיט האט נאכאמאל צוגעשטעלט א מאדערנע אינפראסטרוקטור פארבעסערונג וואס קומט נאך די עיקר רייזע און זיכערהייט געברויכן פון ניו יארקערס וואס וועט זיי סערווירן פאר פילע צענדליגער יארן. איך דאנק גאווארנער Hochul (האקול) און NYS DOT קאמישענער Dominguez (דאמינגועז) פאר זיזיער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו נאכקומען אונזערע אלע אינפראסטרוקטור געברויכן ווי אויך פאר די מענער און פרויען וואס האבן געארבעט לאנגע חדשים צו מאכן דעם בריק א ווירקליכקייט בשעת'ן פארזיכערן זיכערע רייזעס פאר אומצאליגע רייזנדער לענגאויס די וועג."

**איבער די טראנספארטאציע דעפארטמענט**
עס איז די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט צו צושטעלן א זיכערע, פארלעסליכע, גערעכטע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, באַרייכערט די קוואליטעט פון לעבן, היט אויף די סביבה און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט.

די רעדע איז איבער לעבנס, פארט שטייטער און ריקט זיך אפ ביי די זייט פאר הייוועי ארבעטער!

פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאַלאָוט אונז אויף X אדער Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל. פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע 511NY טעלעפאן עפ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן